# ייִדישע קולטור

איקוף

חודש־שריפֿט פֿונם
ייִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד

## אינהאַלט

קאַמיטעט פֿאַרן ווידער־אויפֿלעב פֿון ייִדיש אין רוסלאַנד 2
פֿון חודש — א. ג. 3
וואָלט וויטמאַן 1892 — 1992
וואָלט וויטמאַן צו זײַן 100סטער יאָרצײַט — יאַנקל סטילמאַן 6
„דער אײנציקער און ערשטער ...” — ל. מילער 7
לידער — וואָלט וויטמאַן 11
ייִדיש — ל. מילער
ל. מילער — איטשע גאָלדבערג 17
לידער — הינדע זאַרעצקי 19
לידער — חנן קיעל 21
מאיר באַלאַבאַן — דער נעסטאָר פֿון ייִדישער
געשיכטע־שרײַבונג אין פּוילן — ד״ר רפֿאל מאַהלער 22
לידער — פּרץ מיראַנסקי 28
אַ גרוס פֿון גרישען (דערציילונג) — מנוחה ראַם־וואַלדמאַן 29
50 יאָר „אויפֿן שוועל” — א. גאָלדבערג 33
פּאָעמע (פֿראַגמענטן) — חיים ביידער 36
דער קריזיס פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק — הירשע־דוד קאַץ 38
לידער — געלע שווייד־פֿישמאַן 45
וועגן אַ פּאָרל פּאָעטן — אהרן מענדעלעוויטש 47
דרום־מערבֿ ייִדיש טעאַטער־ליטעראַטור — יאָהאַנעס ל. בראַזי 51
ליד — טרוים הענדלער 53
מיט 25 יאָר צוריק — זלמן יאַכנעס 54
מע שרײַבט אונדז — אהרן גאַראָן 58
אַבֿרהם בערניקער ע״ה — גרשון ווײַנער 59
נײַע ביכער 61
רוף ... ווו נעמט מען 100,000 דאָלאַר 62



וואָלט וויטמאַן
1892—1819

•

מײַ־יוני
1992

3

54סטער יאָרגאַנג

2:00 דאָלאַר

# דער קריזיס פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק

• הירשע־דוד קאַץ/אָקספֿאָרד

## א

די פֿאָלקס־שפּראַכן פֿון דער וועלט, ווען זיי ווערן פֿאַרוואַנדלט אין מאָדערנע ליטעראַרישע שפּראַכן וואָס זײַנען פֿעיִק פֿאַר די אַלע באַדערפֿענישן פֿון מענטשלעכער שעפֿערישקייט, מוזן זיי אַדורכמאַכן אַ פּעריאָד פֿון רעפֿאָרם און איבעראַנדערשונג: נײַער וואָקאַבולאַר, אַ פֿאַרעלטענישמעסיק אוניפֿיצירטע געשריבענע שפּראַך, אָפּגרענעצונגען פֿון דער אָנערקענטער וואַריאַציע.

ייִדיש האָט שוין, ב״ה, דורכגעמאַכט יענעם איבערגאַנג. אַז מ׳נעמט אין באַטראַכט די אויפֿטוען פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין משך פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווערט תּיכּף קלאָר אַז ייִדיש איז שוין לאַנג ניט קיין „זיך אַנטוויקלענדיקע שפּראַך״, און געהערט — לינגוויסטיש און ליטעראַריש — צו די סאַמע אַנטוויקלטסטע וועלט־שפּראַכן וואָס ס׳קען גאָר זײַן.

שוין אַ שיינע פּאָר יאָר, אָבער, וואָס אונדזער סטיליסטיק געפֿינט זיך אין אַ לאַגע פֿון אומסטאַבילקייט און שטענדיקן קריזיס צוליב דער קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפֿירט קעגן יעדן שרײַבער וואָס פֿאָלגט ניט נאָך די שפּראַך־דיקטאַטן פֿון דער עקסטרעם־פּוריסטישער גרופּע. די באַמיִונגען איבערצואַנדערשן דאָס ליטעראַרישע ייִדיש זײַנען ניט אויפֿן אָרט, ניט נאָר צוליב דעם מצבֿ פֿון דער ייִדישער קולטור (דאָס אַליין וואָלט ניט מכריע געווען, ווײַל גערעכט איז גערעכט), נאָר ווײַל די באַמיִונגען האָבן לחלוטין ניט קיין וויסנשאַפֿטלעכן יסוד: זיי וואַקסן פֿונעם ווילן פֿון אַ קליינעם קרײַז צו האָבן די דעה איבער אַ גאַנצער שפּראַך, אַ קרײַז וואָס פֿירט אַ פּאָליטיק פֿון אָפּשרעקן יעדן שרײַבער וואָס פֿאָלגט ניט זײַנע שפּראַך־דיקטאַטן, אַ פּאָליטיק פֿון באַשמירן מיט סמאָלע יעדן, וואָס דערוועגט זיך אַרויסזאָגן אַן אַנדער מיינונג בפֿרהסיא.

פֿאַראַן הײַנט דרײַ גרונט־פֿראַגן אין דער ייִדישער סטיליסטיק, ואלו הן: (א) צי דאַרפֿן טאַקע אַרויסגעוואָרפֿן ווערן פֿון אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך די אַלע ווערטער וואָס ווערן „געפּסלט״ אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך (למשל: אויסנאַם, באַשלוס, קינדהייט, רייזע) (ב) צי דאַרף מען בכלל פֿירן נאָכאַנאַנדיקע „אַקציעס״ — אַרײַנצופֿירן נעאָלאָגיזמען, אַרכאַיִזמען און דיאַלעקטיזמען אין ברייטערן באַנוץ, בכדי ייִדיש באַוווּסטזיניקערהייט צו דערווײַטערן פֿון דײַטש הײַנט צו טאָג? (ג) צי מעג זײַן מער ווי איין שיטה אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סטיליסטיק?

אַלע דרײַ פֿראַגן ווערן דירעקט אָדער באַלכסון באַהאַנדלט אין דער דעבאַטע וואָס פֿאַרלויפֿט זיך אַצינד אויף די בלעטער פֿון אונדזערע זשורנאַלן[1]. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט מײַן אַרטיקל, „אַ שטעקעלע אַרײַן, אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז אויס״, דאָ, אויף די שפּאַלטן פֿון דער ייִדישע קולטור, אין וועלכן איך האָב גערופֿן מאַכן אַ סוף מיטן חרם אויף אַזויפֿיל ווערטער וואָס זײַנען באַליבט בײַ ייִדישע שרײַבער (ווער רעדט נאָך אין דער פֿאָלקס־שפּראַך). איך האָב געטענהט און איך טענה ווײַטער אַז אוריאל ווײַנרײַך, ז״ל, וואָלט הײַנט מסכּים געווען אַז עס האָט ניט קיין זין ווײַטער צו רודפֿן ווערטער וואָס זײַנען אין קאַרגן פֿערטל יאָרהונדערט פֿון זינט דער ווערטערבוך איז דערשינען, נאָך מער אײַנגעוואָרצלט געוואָרן אין אונדזער שפּראַך. מײַן סך־הכּל איז געווען: די ייִדישע סטיליסטיק דאַרף הײַנט זײַן אַ קוזיניע, ניט קיין ברינע.

## ב

אין זײַן תּשובֿה האָט מרדכי שעכטער, דער פֿירער פֿון דער „ייִדיש־ליגע״ (דײַטשמעריש?), דער רעדאַקטאָר פֿון אויפֿן שוועל און פֿון דעם ייִוואָס זשורנאַל ייִדישע שפּראַך, געענטפֿערט מיט

אַ באָמבע עלף פֿאָליאָ־עמודים די לענג, ווו ס׳איז ניטאָ, צום באַדויערן, קיין איינאיינציקע תּשובֿה אויף די גרונט־פֿראַגן פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק, אלא וואָדען, אַ לאַנגע פּערזענלעכע אַטאַקע קעגן מיר. מײַן אַרבעט ווערט באַצייכנט מיט אַזעלכע פּערל ווי „דעסטרוקטיווע רייד און מעשׂים", „פּניותדיקע אומאינפֿאָרמירטקײַט", „גנבֿת־דעת", „אומאמתן". אַ ביסל שפּעטער נעמט זיך פֿרײַנט שעכטער צום טײַוול גופֿא: „עגאָמאַנישער בעל־גאווהניק", „35־יאָריקער יונגערמאַנטשיק" וכו׳ וכו׳. ער באַשולדיקט אַז איך בין „מבטל כעפֿרא דארעא" בער באָראָכאָוו, מאַקס ווײַנרײַך, זלמן רייזען, זעליג־הירש קאַלמאַנאָוויטש און די אַנדערע גדולים פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, וואָס מיט זייערע נעמען וואַרפֿט זיך שעכטער אין זײַן איבערצײַגטקײַט, אַז זיי וואָלטן אָנגענומען אַזאַ ייִדיש ווי מ׳געפֿינט בײַ אים, אַז זיי וואָלטן מיט אים אין איינעם פֿאַרדאַמט יעדן אַנדער סטיל. ואחרון אחרון, רופֿט דער רעדאַקטאָר פֿון אויפֿן שוועל, משה בראָנקסער, אימאַם, צו אַ הייליקער מלחמה קעגן דעם כּופֿר־בעיקר הירשע־דוד קאַץ און פֿאַרלאַנגט בײַ זײַנע שילער: „די אומברחמנות־דיקסטע שפּראַכיקע און וויסנשאַפֿטלעכע דעמאַסקירונג. ס׳איז גאָר אַ מצווה, וכל המרבה הרי זה משובח".[3]

איז ערשטנס: טײַערער פֿרײַנד שעכטער, זײַט וויסן אַז איך וועל צו אײַך און אײַערע דערגרייכונגען דעם דרך־ארץ קיין מאָל ניט פֿאַרלירן, ניט קוקנדיק אויף אונדזערע חילוקי־דעות. קוקט טאַקע אַרײַנעט אין מאַקס ווײַנרײַכס ערשטן בוך אויפֿן געביט פֿון ייִדיש, זײַנע שטאַפּלען, וועט איר באַלד אין דער הקדמה זען וואָס עס הייסט אַ טאָן פֿון וויסנשאַפֿטלעכער דעבאַטע: „יעדנפֿאַלס האָב איך געזען צו ריידן וועגן ווערק און ניט וועגן מענטשן. פֿאַר אַלע מיני אָנווײַזונגען, תּיקונים, צוגאָבן א.אַ.וו. זאָג איך שוין אָפּריער אַ האַרציקן דאַנק".[4]

און צווייטנס: אַז איר באַנוצט זיך מיט אַ נוסח וואָס איז אָנגעלאָדן מיט זידל־ווערטער, אַ נוסח וואָס איז געראָטן אין שלום עליכמס כּתריליעווקער צײַטונגען — די „יאַרמולקע" מיטן „קאַפּעלוש" — מיט זייערע רשימות „נעמען לויטן אַלף־בית", ברענגט איר ניט קיין כּבֿוד, ניט דעם אויפֿן שוועל און ניט דער „ייִדיש־ליגע". וואָס?! — „דעם טאָג, וואָס ס׳איז ניטאָ אין בלאַט קיין „קריטיקע", גייען די גאַזעטן אין כּתריליעווקע עפּעס, ניט אַזוי פֿויגלדיק".[5]

און דריטנס: זײַט אָפּגעהיט בײַם שיטן מיט די נעמען פֿון אונדזערע גדולים ווי אַ שטעקן צו שלאָגן דעם, וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא פֿון ניט מסכּים זײַן מיט אײַך.

ג

פֿרײַנד שעכטער האָט זיך אַפּנים אויפֿגעקאָכט, ווײַל ער איז צוגעוווינט צו פֿראַלן אַז אין דער הײַנטיקער ייִדישער סטיליסטיק איז דאָ נאָר איין „ריכטיקע" מיינונג — זײַנע — וואָס איז געבויט אויף „וויסנשאַפֿט" און יעדערער וואָס האַלט אַנדערש איז שוין במילא אַ בעל־גרײַז. איז לאָמיר לאָזן אָן אַ זײַט די ניט־אַנשטענדיקע פּערזענלעכע אַטאַקעס וואָס אין אויפֿן שוועל, און אַ קוק טאָן אויף דעם וואָס האָט זיך געטאָן אין די לעצטע נומערן פֿון זשורנאַל ייִדישע שפּראַך, וואָס דער ייִוואָ גיט אַרויס. דאָרטן, למשל, האָט שעכטער דאָ ניט לאַנג איבערגעדרוקט מאַקס ווײַנרײַכס אַרטיקל פֿון 1938, „דײַטשמעריש טויג ניט", פֿון דעם ווילנער ייִוואָס זשורנאַל ייִדיש פֿאַר אַלע.[6] ס׳ווערט אָבער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט אַפֿילו, אַז באַלד נאָך דעם איז אין ייִדיש פֿאַר אַלע דערשינען נח פּרילוצקיס תּשובֿה: „מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דײַטשמעריש", וווּ פּרילוצקי באַוואָרנט קעגן „פּסלען" ווערטער אויפֿן סמך פֿון איין פֿילאָלאָגס געפֿיל אַז זיי זײַנען רחמנא לצלן דײַטשמעריש: „געפֿיל — באַזונדערס אין שפּראַך־ענינים — איז אַ דורך־און־דורך סוביעקטיווע דערשײַנונג, ממילא קען עס מחייבֿ זײַן נאָר דעם, אין וועמען עס לעבט. מער אַבסאָלוט קיינעם נישט".[7]

דעם רעדאַקטאָרס מעטאָד איז אָט וועלכער:

ניט דערמאָנען בכלל די מיינונגען פֿון געלערנטע וואָס האַלטן אָדער האָבן געהאַלטן אַנדערש, דאָרטן ווו מ׳האָפֿט אַז דער לייענער וועט סײַ ווי ניט וויסן (אַ באַדויערלעכע אָפּשאַצונג לגבי דעם לייענער: דאָס איז אָבער אַן אַנדער פּרשה), און — דאָרטן ווו מ׳קען שוין ניט „אויסבאַהאַלטן" פֿאַרן לייענער דעם צד שכנגד — מאַכט מען פֿון יענעם אַש און בלאָטע מיט זידל־ווערטער. דער גרויסער ייִדישער לעקסיקאָגראַף אלכסנדר האַרקאַווי ווערט אָנגערופֿן ניט מער און ניט ווייניקער: „חולה", „זשאַרגאָניזירער למעשה", אַ מענטש וואָס האָט ניט „געלייענט די שפּראַך־מײַסטער פֿון זײַן דור" און נאָך.[8] דער ווילנער ייִוואָ איז כּידוע געגאַנגען אויף אַן אַנדער סטיליסטישן דרך איידער אַלכּסנדר האַרקאַווי. דעם דרך־ארץ צו אַ קאָלעגע וואָס האַלט אַנדערש האָט אָבער דער ווילנער ייִוואָ אין לעבן ניט אָנגעוואָרן.[9]

## ד

אַזוי איז דער סלע המחלוקת? ווי איך האָב עס אויפֿגעוויזן בײַם סאַמע אָנהייב, איז עס די פֿראַגע מכּוח דעם סטיליסטישן און געזעלשאַפֿטלעכן מעמד פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער שפּראַך. צי איז ייִדיש אַ וועלט־שפּראַך וואָס מעג זיך גרויסן מיט דער רײַכקייט פֿון אירע פֿאַרשיידנאַרטיקע סטילן? צי איז זי עפּעס אַ פֿאַרדאָרבענער דיאַלעקט וואָס מיר ייִדישיסטן דאַרפֿן ערשט מאַכן פֿאַר אַ לײַט?

אָט איז שעכטערס מיינונג, שוואַרץ אויף ווײַס: „מחשבֿותן, די אַנדערשקייט־שיטה איז נישט קיין ספּעציפֿיש ייִדישער ענין. אין דער סאָציאָ־לינגוויסטיק רופֿט מען עס מיט אַ דײַטשישן טער־מין Ausbau־פּרינציפּ: ווען אַ קלענערע און שוואַ־כערע שפּראַך פּרוּווט — די נאָרמירערס, שרײַ־בערס, לערערס פּרוּוון — פֿונאַנדערבויען די אַנדערשקײַט, די ספּעציפֿישקײַט פֿון אָט דעם לשון אַקעגן אַ קרובֿהשן, שטאַרקערן לשון, וואָס אין זײַן שאָטן קומט דעם קלענערן אויס צו שטיין".[10]

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. בײַ אונדזערע פּוריסטן, ווערט ייִדיש באַנומען ווי עפּעס אַ דיאַלעקט וואָס ווערט גערעדט ערגעץ אין די טיפֿעניש פֿון דײַטשלאַנד וואָס אויב מ׳וועט עס ניט מאַכן „מער אַנדערש" איידער דײַטש וועט עס קיין תּקומה ניט האָבן. כּדי משׂיג זײַן אויף ווי ווײַט דער פּוריזם שטאַמט פֿון פּערזענלעכע קאָמפּלעקסן און ניט פֿון קיין שום עמפּיריש־אַקטועלן מצבֿ, דאַרף מען שטעלן אָט וועלכע פֿראַגן: וויפֿל פּראָצענט מענטשן וואָס ריידן ייִדיש לעבן הײַנט אין דײַטש־ריידנדיקע לענדער? וויפֿל פּראָצענט ייִדישע שרײַבער זוכן נײַע ווערטער אין דײַטשישע ווערטערביכער? ווען מען אַרט דאָס וואָס טוט זיך אויף דײַטש אַז מיר ריידן וועגן: ייִדיש?

פֿון אַ טעותדיקער גרונט־הנחה קען קיין גלײַכע שיטה ניט שפּראָצן. פֿון אָט דער שפּלותדיקער השגה — אַז ייִדיש דאַרף מען ערשט גיין „אויסבויען" — קומט די שיטה: „אויב פֿון צוויי דערלאָזלעכע וואַריאַנטן איז איינער ספּעציפֿיש ייִדיש און דער אַנדערער געפֿינט זיך אויך אין דײַטשיש (צי רוסיש צי אַנדערע לשונות), דאַרף די ספּעציפֿיש ייִדישע פֿאָרם האָבן די בכורה [...]".[11] דער מעטאָדאָלאָגישער פֿעלער וואַרפֿט זיך אין די אויגן: ניט רעכענען זיך מיט דער ליטעראַרישער ייִדישער שפּראַך נאָר נעמען אַלס סטאַנדאַרד ניט מער און ניט ווייניקער: דײַטש, און אויסקלײַבן וואַריאַנטן וואָס זײַנען פֿון דאָרטן „ווײַטער"...

דאָ איז עס שוין ניט קיין פֿראַגע צווישן אָנגענומענע ייִדישע ווערטער וואָס שטאַמען פֿון נײַ־הויך־דײַטש (די „דייטשמעריזמען") און צוגע־קלערטע ווערטער (צי אַרכאַיזמען און דיאַלעק־טיזמען). בײַ שעכטערן קומט אויס, אַז מ׳דאַרף שוין אויך „דערווײַטערן פֿון דײַטש" דעם אַלטן דײַטשישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש! דערפֿאַר ווערט בײַ אים „בוך" אָנגערופֿן „ביכל", לויט אַ ייִדיש־דיאַלעקטישן באַנוץ וואָס שפּרייט אויס די סעמאַנטישע ראַם פֿונעם דימינוטיוו, ניט קוקנדיק וואָס בײַ אונדזערע ייִדישע שרײַבער קען דאָס נאָר זײַן אַ באַליידיקונג־וואָרט, דעמאָלט ווען עס

גייט די רייד וועגן אַ בוך וואָס איז ניט קיין קאַרליק. דערפֿאַר אויף „פֿינעף" אַנשטאָט „פֿינף", „פֿערדער" אַנשטאָט „פֿערטער". פֿאַרוואָס? ווײַל „ווײַטער פֿון דײַטש".

דער פּועל־יוצא קען זײַן נאָר איינער: אַ נײַער צונויפֿפֿלעכט פֿון ווערטער — נעאָלאָגיזמען, אַרכאַיִזמען, דיאַלעקטיזמען — וואָס איז ווערטערווײַז און סטאַטיסטיש טאַקע ווײַטער פֿון דײַטש און איז בשעת־מעשׂה, אַלס סטרוקטורעלע גאַנצקייט — אַן אַ שיער ווײַטער פֿון ייִדיש. שפּראַך באַשטייט ניט פֿון ווערטער סתּם נאָר פֿון זייער אָנווענדונג און צוזאַמענשטעל: די שפּראַך איז אַ סטרוקטור וואָס איז גאָרניט אידענטיש מיטן סך־הכּל פֿון אירע קאָמפּאָנענטן. אָט די סטרוקטור — אין פֿאַל פֿון ייִדיש: די וווּנדערלעך רײַכע און בייגעוודיקע ייִדישע ליטעראַטור־שפּראַך וואָס האָט זיך אַזוי פּראַכטפֿול אויסגעאַרבעט אין גאַנג פֿון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר — ווערט צעטרייסלט און צעשאָטן, ווען מ׳נעמט און מ׳טראָגט אַרײַן אַ נײַעם סטאַנדאַרד: ניט וואָס טוט זיך בײַ די פּרינצן פֿון אונדזער ליטעראַטור, נאָר וואָס עס טוט זיך גאָר אויף — דײַטש!

קיינער וויל חלילה ניט אָוועקנעמען בײַ שעכטערן דאָס רעכט צו שרײַבן און צו לערנען מיט זײַן דײַטש־מאָטיווירטן סטיל („וואָס ווײַטער פֿון דײַטש"). די פֿראַגע איז הײַנט גאָר אַן אַנדערע: צי מוזן מיר אַלע שרײַבן מיט יענעם סטיל, צי דאַרף ניט די ייִדישע סטיליסטיק כּולל זײַן אַלערלייאיקע סטילן, אין אַן אַטמאָספֿער פֿון טאָלעראַנץ און דרך־ארץ צווישן ייִדישע פּען־מענטשן „בכל סטיליהם"?

## ה

אין זײַן לאַנגער, פּערזענלעכער אַטאַקע שטעלט זיך שעכטער אָפּ אויף איין וואָרט: „פֿאַרדראָסיק". ער ווײַזט ריכטיק אָן, אַז ס׳איז אַן עכט וואָרט אין טייל דיאַלעקטן, און אַז עס איז אַרײַנגעפֿאַלן על־פּי טעות אין מײַן רשימה נעאָלאָגיזמען אין ווײַנרײַכס ווערטערבוך וואָס ווערן געבראַכט אָן קיין שום באַוואָרעניש אַז דאָס זײַנען ניט קיין אָנגענומענע ייִדישע ווערטער נאָר וואָרעדן פֿאָרשלאָגן פֿון פּוריסטישן קרײַז (למשל: „מיט־מעסטלער", „סאָצפֿאַרזיכער", „פּרײַ־פֿירנעמערײַ").

איז ערשטנס: אַ דאַנק פֿרײַנט שעכטערן פֿאַרן פֿרײַנטלעך אָנווײַזן אויפֿן פֿעלער.

און צווייטנס: איך בין צופֿרידן אַז פֿון 350 דוגמא־ווערטער מײַנע, איז שעכטער מחולק — וואָס שייך דעם פֿאַקטישן סטאַטוס פֿון די ווערטער — מיט איין וואָרט. אַז דער אייבערשטער וועט געבן, און איך זאָל ווײַטער טרעפֿן 349 פֿון 350 מאָל, וועל איך זיך האַלטן פֿאַר אַ בר־מזל.

און דריטנס: וואָס פֿרײַנד שעכטער וויל מיך פּערזענלעך „פּסלען" צוליבן יחוס פֿונעם וואָרט „פֿאַרדראָסיק", האָט עס פּונקט די זעלביקע האַפֿט ווי עמעצער זאָל אים „פּסלען" אַלמאַי ער רופֿט אָן דעם אַלטן ספֿר חנוך לנער ניט אַנדערש נאָר „חינוך לנער",[12] ניט באַמערקנדיק אַז אונטערן חית שטייט אַ חטף־פּתח — דער נאָמען פֿון ספֿר וואַקסט דאָך פֿון באַוווּסטן פּסוק אין משלי (כ״ב:ו׳): „חנוך לנער על פּי דרכּו" וואָס דערויף מאַכט יהואש: „געוווין דעם ייִנגל אויף זײַן וועג". טעות לעולם חוזר.[13]

וועגן „פֿאַרדראָסיק" איז שעכטער זיך נאָך מער טועה איידער איך, ווען ער האַלט אַז עס איז פֿאַראַן אין ייִדיש „שוין פֿינעף, זעקס הונדערט יאָר און אפֿשר טאַקע גאַנצענע טויזנט צי עלעף הונדערט".[14] אויב שוין אַרײַנפֿאַלן, איז בעסער מיט הונדערט יאָר איידער מיט טויזנט...

דער עיקר: איך בין צופֿרידן וואָס „פֿאַרדראָסיק" איז אַרײַנגעפֿאַלן ווײַל כאָטש עס געהערט אָן אַנדער סוגיא גייט עס פֿאָרט אַרײַן אין אייגענעם פּרק: „נעאָלאָגיזמען, דיאַלעקטיזמען און אַרכאַיִזמען" — ניט ווי באַרײַכערנדיקע עלעמענטן וואָס קענען און דאַרפֿן גענוצט ווערן מעסיקערהייט אין פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנערן, נאָר ווי אַבסאָלוטע ממלא־מקומס אויף ייִדישע ווערטער וואָס די פּוריסטן האָבן זיך צו זיי

גענומען צוליב זייער מעגלעכער ענלעכקייט צו ווערטער אין אַן אַנדער שפּראַך.

זאָל פֿרײַנט שעכטער גענוטעהייט נוצן „פֿאַרדראָסיק״. זאָל מען אָבער ניט קומען פּסלען „פֿאַרדריסלעך״.

ו

דער צווייטער סלע־המחלוקת איז אַ היסטאָרישער. צי איז פֿאַראַן אין ייִדיש אַ ניי־הויך־דײַטשישער קאָמפּאָנענט? דער ענטפֿער איז יאָ מיט אַן אַלף. אָט זײַנען אויפֿן שפּיץ מעסער עטלעכע ווערטער וואָס אָדער זיי זײַנען בכלל אַרײַן אין ייִדיש ערשט אין נײַנצטן יאָרהונדערט אָדער מיר נוצן זיי לויטן באַדײַט מיט וועלכן זיי זײַנען דעמאָלט אַרײַן (פֿריער טרעפֿט מען זיי ווי פֿרעמדווערטער):

אויטאָביאָגראַפֿיש. אוניווערסיטעט. אינטערעסאַנט. אַטאַק(ע). אינטעליגענט. אינטער־נאַציאָנאַל. אַנטוויקלונג. אָרגאַניזירן. אַרמיי. באַוועגונג. גרופּע. דיפּלאָם. דירעקט. דעבאַטע. דערציילונג. הומאָר. וואָקאַל. וויסנשאַפֿט. ווערטערבוך. זיצונג. טעאַטער. כאַראַקטעריסטיש. ליגע. ליטעראַטור. לערער. מאָדע. מאָדערן. מאַרקע. מאַשין. נאַטור. פּאָליטיק. פּאָליציי. פּאַסאַזשיר. פּאַרטיי. פּראָבלעם. פּראָזע. פּראָקלאַמירן. פּרעסע. פֿאַבריק. פֿאָלקס ליד. פֿאַראיין. פֿאַרלאַג. פֿראַגע. צײַטונג. קולטור. קונסט. קינסטלער. קעמפֿער. קריטיקער. ראַסע. רעדאַקטאָר. שטודיע. שפּראַך. שרײַבער.

דאָס פּרובירן „פּטור ווערן״ „פֿונעם ניי־הויך־דײַטשישן קאָמפּאָנענט״ וואָס אין ייִדיש האָט דעם זעלביקן זין וואָס אויסהאַקן זיך אַ שטיק פּנים, ווײַל ס׳דערמאָנט אין אַן עלטערפֿעטער וואָס איז ניט צום האַרצן. בײַ אײַך איז עס אײַערס, טייל פֿון אײַער פּנים, ניט שייך פֿון וואַנעט עס „שטאַמט״: בײַ אײַך איז עס ניט פֿונאַנדערצוטיילן פֿון אַלע איבעריקע גלידער פֿון וועלכע איר באַשטייט, מחמת איר זײַט איר גאַנצקייט און ניט קיין מאַטעמאַטישע קאָמפּילאַציע פֿון אײַערע אָבֿות. ניין: ניט מענטשן, ניט שפּראַכן קענען ניט אָפּלייקענען זייער גענעאַלאָגישן מהות, און בלויז בײַ פּוריסטן — צי פֿון ראַסן, צי פֿון שפּראַכן — קוקט מען זיך בכלל אום אויף דעם פֿון אַ קוואַליטאַטיוון שטאַנדפּונקט.

וואָס יאָ: אין ייִדיש זײַנען אַלע קאָמפּאָנענטן דורך און דורך ייִדיש, און זיי אַנטוויקלען זיך ווײַטער, ווי בער באָראָכאָוו און מאַקס ווײַנרײַך האָבן עס אַזוי גאונותדיק אויפֿגעוויזן, אין דעם כּסדרדיקן פּראָצעס פֿון אינטעראַקציע און פֿאַראייניקונג וואָס כאַראַקטעריזירט ייִדיש דורך די אַלע דורות.

ז

וואָס האָבן טאַקע געהאַלטן די גדולים פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע וועגן דעם ניי־הויך־דײַטשישן קאָמפּאָנענט? דער סאַמע גרינדער פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, בער באָראָכאָוו האָט קלאָר אײַנגעזען די נייטווענדיקייט אין אַ סעלעקטיווער באַציִונג צום ניי־דײַטשישן קאָמפּאָנענט וואָס אין ייִדיש:

„פֿאַרשטיין די מעלות און חסרונות פֿון די אינטעליגענטישע שפּראַך־עלעמענטן איז דערפֿאַר באַזונדערס וויכטיק פֿאַר דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע, ווײַל איר אויפֿגאַבע ענדיקט זיך ניט מיטן „אַלף־בית״, ד.ה. מיט דער צונויפֿשטעלונג פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער גראַמאַטיק און ווערטערבוך, נאָר זי גייט פֿיל ווײַטער, זי ווִיל די שפּראַך רייניקן און באַרײַכערן״.[15]

באָראָכאָוו דיפֿערענצירט צווישן דער דײַטשמערישער אינוואַזיע פֿון אונדזער צײַטונגס־שפּראַך פֿון איין זײַט — און, פֿון דער אַנדערער זײַט: דער באַרײַכערונג פֿון ייִדיש דורכן ניי־הויך־דײַטשישן עלעמענט. ער ברענגט צווישן זײַנע דוגמאות די ייִדישע דובלעטן קונץ־קונסט, קונציק־קינסטלעך, ווו ייִדיש געניסט פֿון אַרײַנגעמען צוויי מאָל דאָס היסטאָריש „אידענטישע״ וואָרט מיט פֿאַרשיידענע באַדײַטן און נואַנסן.

און אַז זלמן רייזען האָט אין די 30ער יאָרן אין ווילנע געהאַלטן, אַז מ׳קען אויסקומען אָן „געפֿאַר״? אויף צו דערגרונטעווען זיך צו דעם,

וואָס דאָס באַדײַט דאַרף מען זיך אַרײַנקלערן אין דעם, וואָס וואָלט זלמן רייזען הײַנט געזאָגט? דאָס ווייס ניט שעכטער און ניט קאָן. ספּעקולירן מעג דאָך יעדערער. איך האַלט אַז זלמן רייזען וואָלט הײַנט געווען גליקלעך מיטן מצבֿ פֿונעם געשריבענעם ליטעראַרישן ייִדיש: ער וואָלט אײַנגעזען אַז פֿון „געסטערן" איז קיין שפּור ניט געבליבן און פֿאַרקערט „געפֿאַר" איז הײַנט אַ ייִדיש וואָרט. דאָס איגנאָרירן די פּערספּעקטיוו פֿון צײַט איז אַ קאַרדינאַלער טעות בײַם פֿאָכן מיט די נעמען פֿון אונדזערע גרויסע פֿאַרמלחמהדיקע ייִדישע פֿילאָלאָגן אויף צו „פּסלען" ייִדישע ווערטער אויף דער שוועל פֿון 21טן יאָרהונדערט.

איבעריקנס: וויל מען געוואָר ווערן ווי עס האַלט זלמן רייזען, דאַרף מען אַ קוק טאָן אין זײַנע ווערק. סײַ אין זײַן גרעסטן מײַסטערווערק, זײַן פֿירבענדיקן לעקסיקאָן, סײַ אין די אַנדערע כּתבֿים זײַנע, נוצט ער עמערס מיט ווערטער וואָס ווערן „געפּסלט" אין די בראָנקס, נאָר וועגן דעם שרײַבט מען עפּעס ניט. אָט למשל, אין זײַנעם אַן אַרטיקל וועגן אליעזר שולמאַנען אין די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער, נוצט ער: „אומגינסטיק", „אַלס", „גרינדלעך", „דערשײַנען", „הילפֿס־בוך", „לײדער", „מאַנגל", „עפּאָכע", „פֿאַרזיכטיק", „פֿאַרעפֿנטלעכט", „קעגנזאַץ", „שריפֿטשטעלער" א.אַ.וו.[16]

דאָס ניט איבערגעבן דעם הײַנטיקן עולם די פֿאַרשידענע מיינונגען וואָס זײַנען געווען בײַ אונדזערע גדולים, דאָס פֿאַרשטומען יעדן בת־קול פֿון אַ אַנדער מיינונג, דאָס איז — פֿאַרדריסלעך. דאָס נוצן זלמן רייזענס הייליקן נאָמען אויף צו אַטאַקירן יענעמס מיינונג איבער אַ וואָרט אין דער הײַנטיקער ייִדישער סטיליסטיק איז — נאָך מער פֿאַרדריסלעך.

## ח

מיר איז געווען אַ חידוש, וואָס נאָך מײַן אַרטיקל איבער די „דײַטשמעריזמען" דאָ אין דער ייִדישע קולטור, האָב איך באַקומען צענדליקער בריוו פֿון ייִדישע שרײַבער איבער דער וועלט וואָס האָבן מיר געדאַנקט פֿאַרן זאָגן דאָס וואָס זיי ווילן זאָגן און קענען ניט זאָגן. וואָס הייסט „קענען ניט זאָגן", אַז אַפֿילו אין רוסלאַנד מעג מען שוין זאָגן וואָס מ׳וויל? עס הערשט בײַ אַ סך ייִדישע שרײַבער אַן אַטמאָספֿער פֿון שרעק און אינטימידאַציע, אַ געפֿיל, אַז טאָמער פֿאָלגט מען ניט די בראָנקסער דיקטאַטן וועט מען זיי צונאָגלען צו אַ שאַנד־קלאָץ. איין באַקאַנטער שרײַבער דערציילט אַז מ׳האָט אויף אים געדריקט שרײַבן „ייִדיש־שרײַבערס" אַנשטאָט „ייִדישע שרײַבער" (שוין אויך פּסול?): אַ צווייטער דערציילט, ווי מ׳האָט אים באָמבאַרדירט מיט פֿאַרלאַנגען ער זאָל שרײַבן „פֿינעף" ווי אין זײַן היימישן דיאַלעקט, כאָטש אים איז גראַדע ניחא די ליטעראַרישע פֿאָרמע „פֿינף". די סטראַטעגיע איז אָט וועלכע: דריקן אויף ייִדישע שרײַבער זיי זאָלן טאָן ווי מ׳הייסט אין די בראָנקס, און דערנאָך נוצן זייערע שריפֿטן פֿאַר „ראיות" אַז „די שפּראַך גופֿא" גייט אויף אַזאַ דרך.

דער סך־הכּל איז אַ קורצער: אין דער גאַנצקײַט פֿון ייִדיש אין די אַלע לענדער, ווו די שפּראַך ווערט גערעדט און געשריבן דאַרף די סטיליסטישע פֿאַרשיידנאַרטיקײַט באַנומען ווערן ווי די שענסטע סימפֿאָניע. ייִדיש איז אַ וועלט־שפּראַך, ניט אימיצנס אַ בראָנקסער פּירשטנטום.

און דאָרטן ווו עס זײַנען פֿאַראַן חילוקי־דעות, לאָמיר זיך באַמיען זיי אויסצודריקן אין די ד׳ אַמות פֿון אַנשטענדיקײַט און אַקאַדעמיש־דזשענטל־מענישער דעבאַטע, ווי עס פּאַסט דער שיינער טראַדיציע פֿון אונדזער ייִדישע פֿילאָלאָגיע.

## פּאָסט־סקריפּטום

איך האָף אַז דער חשובֿער יונגער ייִדישיסט, פּרײַנט הערשל גלעזער, וועט קיין פֿאַראיבל ניט האָבן אַלמאַי איך האָב זיך אין איצטיקן אַרטיקל אָפּגעשטעלט אויפֿן רבינס תּשובֿה אין אויפֿן שוועל און ניט אויפֿן תּלמידס אין דער ייִדישע קולטור.[17] כּל־זמן דאָס אַלץ וואָס ער שרײַבט באַשטייט אָדער פֿון הונדערטפּראָצענטיקער אומקריטישער לויב

פֿון רבינס מיינונגען, און הונדערטפּראָצענטיקער אומקריטישער (און פּערזענלעכער) אַראָפּרײַסונג פֿון יעדן וואָס איז מיטן רבין מחולק — איז ניטאָ וואָס צו ענטפֿערן.

די רייד גייט דאָ ניט פּערזענלעך, נאָר וועגן אַלע טײַערע איבערגעגעבענע יונגע פֿרײַנט פֿון ייִדיש אין „יוגנטרוף". הלוואַי זאָלן זיי דערגיין צו דעם וואָס עס קומט זיי לויט זייערע עכטן טאַלאַנט. כּדי דאָס צו דערגרייכן, דאַרפֿן זיי זיך אָבער נעמען צום האַרצן די ווערטער פֿון דבֿ סדן:

„פֿאַר די באַזונדערע קאָמפּלעקסן קעמפֿט ער, מיט עקשנות און אימפּעט, באַנוצנדיק זיך מיט כּלערליי כּלים — שטודיעס, לעקציעס, מאמרים, פּערסיפֿלאַזשן, בריוו וכדומה, און איינע פֿון די כּלים איז אויך דער „יוגנטרוף". איז עס אַ שבֿח פֿאַר זײַן כּוח־השפּעה, אָבער עס פֿרעגט זיך צי איז אַ יוגנט־גרופּע, ווי אַן אויספֿיר־אָרגאַן פֿון אַ פּוריסטישן און נאָרמאַטיוויסטישן פֿילאָלאָג אין זײַנע באַזונדערע אינטערעס־קאָמפּלעקסן, נישט צו עניוותדיק אין אירע אַספּיראַציעס צו זיך און פֿון זיך אַליין".[18]

---

1) וועגן אַ פֿערטן ענין, דעם אויסלייג, וועט גיין די רייד אין די שפּעטערע נומערן פֿון ייִדישע קולטור.

2) בעתן אָנשרײַבן די איצטיקע תשובֿה (מיטן יוני 1992), ליגן אויף טיש די ווײַטערדיקע אַרטיקלען: הירשע־דוד קאַץ, „אַ שטעקעלע אַרײַן אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז אַרויס" אין ייִדישע קולטור (ניו־יאָרק), באַנד 53, נ. 5 (סעפּט.־אָקט. 1991), זז. 24־31: מוסיע זוסקין־לאַנדאַו „לייענענדיק דר. מרדכי שעכטערס לײַטיש מאַמע־לשון", אין „לעבנס־פֿראַגן", ת"א, נ. 477־478 (יאַנ.־פֿעב. 1992) זז. 12־13. ד.ז., „זייער גערעכט, מוסיע סטעקין־לאַנדאַו „לייענענדיק דר. מרדכי שעכטערס לײַטיש מאַמע־לשון" אין „לעבנס פֿראַגן", תל־אָבֿיבֿ, נ. 477־478 (יאַנ. פֿעב. 1992) זז. 12־13): הירשע־דוד קאַץ (צו די פּרינציפּן פֿון דער ייִדישער סטיליסטיק" אין לעבנס־פֿראַגן (תל־אָבֿיבֿ), באַנד 41, נ. 481־482 (מאַי־יוני 1992), זז. 14־15: מ. שעכטער, „לײַטיש מאַמע־לשון". פֿאַרדראָסיק אָדער וואָס איז פֿריער — „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט צי דער אַכצעטער" אין אויפֿן שוועל (ניו־יאָרק), נ. 284־285 (אָקט. 1991 — מערץ 1992), זז. 36־41: הערשל גלעזער, „פֿאַרוואָס דײַטשמעריש איז נאָך אַלץ אַ סכּנה (אַן ענטפֿער דוד קאַצן) אין ייִדישע קולטור, באַנד 54, נ. 1 (יאַנ.־פֿעב. 1992), זז. 44־49.

3) מרדכי שעכטער, „לײַטיש מאַמע־לשון" וכו' (זע הערה 2), ז. 38.

4) מאַקס ווײַנרײַך, שטאַפּלען. פֿיר עטיודן צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור־געשיכטע, פֿאַרלאַג וואָסטאָק: בערלין, ז. 2.

5) שלום עליכם, פֿון כּתרילעווקע, פֿאָלקס־פֿאָנד, נ.י. 1917, ז. 15.

6) מאַקס ווײַנרײַך, „דײַטשמעריש טויג ניט" אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק), באַנד 34 נג. 1־3 (1975), זז. 23־33. איבערגעדרוקט פֿון ייִדיש פֿאַר אַלע (ווילנע), באַנד 1 (1938), זז. 97־106.

7) נח פּרילוצקי, „מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען צום פּראָבלעם דײַטשמעריש" אין ייִדיש פֿאַר אַלע (ווילנע), באַנד 1 (1938), זז. 201־209, דאָרט, ז. 201.

8) מרדכי שעכטער, „ליפּשיץ, האַרקאַווי און „האַרקאַווי־ליפּשיץ" אין ייִדישע שפּראַך (ניו־יאָרק), באַנד 38, זז. 24־46.

9) זע מײַן הקדמה, „אַלכּסנדר האַרקאַווי און זײַן דרײַשפּראַכיקער ווערטערבוך" צו אַלכּסנדר האַרקאַווי, ייִדיש־ענגליש־העברעיִשער ווערטערבוך, ייִוואָ און פֿאַרלאַג שאָקען, נ.י. 1988, זז. XXIV־XLI, דאָרטן ז. XXIX.

10) מרדכי שעכטער, „דעם ייִוואָס ייִדיש־אויפֿטו. ראָשי־פּרקימדיקע אָבסערוואַציעס און סך־הכּלען צום אַ יובֿל־דאַטע" אין ייִוואָ בלעטער (ניו־יאָרק), באַנד 46 (1980), זז. 192־228, דאָרטן ז. 212.

11) מרדכי שעכטער, ייִדיש צוויי. אַ לערנביכל [!] פֿאַר מיטנדיקע [!] קורסן, אינסטיטוט צו פֿאָרשן מענטשפּראָבלעמען [!], פֿילאַדעלפֿיע 1986, ז. IX.

12) מרדכי שעכטער, לײַטיש מאַמע־לשון. אָבסערוואַציעס און רעקאָמענדאַציעס, ייִדיש־ליגע, נ.י. 1986, ז' 218.

13) אגב: דאָס בוך איז לכתחילה אַרויס אין אַמסטערדאַם אין 1713, ניט אין פֿיורדאַ (פֿירט) אין 1774) — די שפּעטערע אויפֿלאַגע וואָס שעכטער ברענגט פֿאַרן עלטסטן מקור. זע: הירשע־דוד קאַץ, „די עלטערע ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע: מקורות און מעטאָדן: אין אָקספֿאָרדער ייִדיש (אָקספֿאָרד), באַנד, 1 (1990), זז. 161־232, דאָרטן זז. 202־203.

14) מרדכי שעכטער, „לײַטיש מאַמע־לשון" וכו' (זע הערה 2), ז. 37.

15) בער באָראָכאָוו, „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע" אין ש. ניגער רעד., דער פּנקס, ווילנע 1913, זז. 1־22, דאָרטן ז. 14.

16) זלמן רייזען, „דער ערשטער היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" אין ליטעראַרישע בלעטער, באַנד 6 (1930), זז. 21־22, 44־45.

17) הערשל גלעזער, „פֿאַרוואָס דײַטשמעריש איז נאָך אַלץ אַ סכּנה" וכו' (זע הערה 2).

18) דבֿ סדן, טויערן און טירן, פֿאַרלאַג ישׂראל־בוך, תל־אָבֿיבֿ 1979, ז. 257.

**YIDDISHE KULTUR**
**YKUF**
1133 Broadway, Room 1019
New York, N.Y. 10010
Tel. (212) 691-0708

YIDDISHE KULTUR (ISSN-0044-0426) is published bi-monthly, by the Yiddishe Kultur Farband, Inc., 1133 Broadway, Room 1019, New York, N.Y. 10010, Tel (212) 691-0708. Subscription Price: $15.00. Second Class Postage is paid at N.Y. N.Y. POSTMASTER: Send address changes to YIDDISHE KULTUR INC. 1133 Broadway, New York, N.Y. 10010.

VOL. LIV, MAY-JUNE, 1992

אבאָנאָמענט־פּרײַז: אַ יאָר — 15.00 דאָלער.
אין קאַנאַדע: אַ יאָר — 20.00 דאָלער.

## אונדזער דאַנק פֿאַר זייערע מתנות פֿאַר דער „ייִדישע קולטור"

**דוד צוקערמאַן** (אורוגווײַ)

**זעליג דאָרפֿמאַן — הענק בײַער**

מיר דריקן אויס אונדזער טיפֿסטן מיטגעפֿיל צו
אונדזער פֿרײַנד באָריס ספּיוואַק
אויפֿן טויט פֿון זײַן ליבער פֿרוי אַננאַ ספּיוואַק
מאָריס און שרה ווילדאָרף

פֿאַר דער „זשיטלאָווסקי־פֿונדאַציע"

**גרייטער מיאַמי סאָסײַעטי**

1,000 דאָלאַר על חשבון פֿון
דער נײַער געלט־אַקציע

## ירושה פֿון איזי גוקאָווסקי

פֿאַר דער

**„זשיטלאָווסקי־פֿונדאַציע"**

איזי גוקאָווסקי איז געווען אַ לאַנגיאָריקער פֿרײַנד און שטיצער פֿון דער ייִדישער קולטור און דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג, נאָך פֿון זײַנע בראָנקסער יאָרן. ער האָט איבער־געלאָזט פֿאַר דער „זשיטלאָווסקי־פֿונדאַציע" אַ ירושה פֿון 5,000 דאָלאַר.

מיר געדענקען אים ווי אַ געטרייען קולטור־טוער און אַ פּערזענלעכן פֿרײַנד. איזי גוקאָווסקי איז געווען דער גרינדער און דער פֿירער פֿון דעם „דובנאָוו־קלוב" אין מיאַמי, במשך עטלעכע צענדליק יאָר.

זאָל זײַן אָנדענק זײַן געבענטשט.

# I. L. PERETZ — ENGLISH־ייִדיש — י. ל. פּרץ

דאָס צווייִשפּראַכיקע פּרץ־בוך וואָס די זשיטלאָווסקי־פֿונדאַציע האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן איז אַ זעלטענע מתנה פֿאַר זיך, פֿאַר קינדער, פֿאַר אייניקלעך.

350 זײַטן פּרץ אין בײדע לשונות, איבערגעזעצט פֿון ד"ר אליה קאַץ, קאָנען געלייענט ווערן סײַ אין ייִדיש, סײַ אין ענגליש און אפֿילו אין בײדע שפּראַכן צוזאַמען.

אַן עולה ניט צו געבן אַזאַ בוך צו קינדער און אייניקלעך. פּרײַז $19.50, פֿאַר לייענערס פֿון „ייִדישע קולטור" בלויז 15 דאָלאַר פּלוס $2 פֿאַר איבערשיקן. באַשטעלן בײַ:

**KINDERBUCH PUBLICATIONS** ROOM 1019 • 1133 BROADWAY, NEW YORK, N. Y. 10010

Please send me: ______________________________ :איך בעט מיר שיקן

Name ______________________________

Address ______________________________

City/State/Zip ______________________________

Make checks payable to: **Kinderbuch Publications.**